Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 196 | Łódź, Niedziela 23 sierpnia 1931 r. | נײַנטער יאָהרגאַנג | לאָדז, זונטאג י׳ אלול תרצ״א | № 196

Adres Redakcij i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

## „נייער פאָלקסבלאַט“ פערגרעסערט און אילוסטרירט!

די לעזער פון „נייעם פאָלקסבלאַט“ האָבען זיך פון לאַנג איבערצייגט, אז מיר קאַרגען נישט קיין מיה און מיטלען צו פערבעסערן אונזער צייטונג אין אַלע הינזיכטען, סיי אין רעדאַקציאָנעלער, סיי אין טעכנישער.

מיר קענען איצט קומען צו אונזערע לעזער מיט א בשורה, וועלכע וועט אָהן ספק אױפגענומען ווערען מיט דער גרעסטער צופרידענהייט.

נאָך א גרינדליכער טעכנישער און רעדאַקציאָנעלער צוגרייטונג, האָבען מיר בעשלאָסען ארויסצוגעבען אונזער צייטונג

**אין א פערגרעסערטען פאָרמאַט און אילוסטרירט.**

„נייער פאָלקסבלאַט“ וועט פון די נאָהענטסטע טעג אָן ערשיינען אין

## 10 זייטען טעגליך און 20 זייטען פרייטאג

גלייכצייטיג וועט יעדער נומער ברענגען

**אַרייכען אילוסטראַציאָנס-מאַטעריאַל**

די אַקטועלסטע בילדער און אילוסטראַציעס פון פאָליטישען און געזעלשאַפטליכען לעבען אין לאַנד און אין דער וועלט.

אינאיינעם מיט דער גרויסער

**טעכנישער פערגרעסערונג און פערפיינערונג**

פון אונזער רייך-אינפאָרמאַטיווער צייטונג פיהרען מיר אויך איין א גאַנצע רייה נייע זעהר

## וויכטיגע, אינטערעסאַנטע און בעלעהרענדע אָפטיילונגען

דהיינו די אָפטיילונגען:

האַנדעל און מלאכה

פרוי און קינד

רעכט און לעבען (יורידישע ביילאַגע)

לאָמיר זיין געזונד (מעדיצינישע ביילאַגע)

די הומאָריסטישע אָפטיילונג

פון אונזער צייטונג וועט פערגרעסערט ווערען און ערשיינען יעדען פרייטאג אלס

**בעזונדערע ביילאַגע**

עס וועט אויך פערגרעסערט ווערען די אָפטיילונג פון

**ספאָרט**

פאַר דער לייטונג פון די אַלע אָפטיילונגען זענען אַנגאַזשירט געוואָרען ספּעציעלע פאַכמענערישע כוחות.

נישט קוקענדיג דערויף, וואָס די אויסגערעכנטע פערוואָלקאָמונגען פון אונזער צייטונג זענען פערבונדען מיט גרויסע הוצאות

**15 גראָשען** וועט דער פרייז פון „נייעם פאָלקסבלאַט“ בלייבען נישט געענדערט, בלויז **15 גראָשען**

מיר זענען טיף איבערצייגט, אז דער פערגרעסערטער און אילוסטרירטער „נייער פאָלקסבלאַט“ וועט פערטיפען די סימפּאַטיעס, וועלכע אונזער צייטונג געניסט צווישען דעם ברייטסטען לעזער-עולם און וועט אונז שאַפען פיל נייע פריינד און לעזער.

---

פרייטאג, דעם 21-טען אויגוסט 1931 (ח׳ אלול) איז נאָך לאַנגע און שווערע ליידען געשטאָרבען און דעם זעלבען טאָג צו קבורה געקומען מיין אונפערגעסליכע פרוי, מוטער, טאָכטער, שוויגערטאָכטער, שוועסטער, שוועגערין און טאַנטע

# נ. ע. דבורה אשת ר׳ אברהם נ״י פוקס

בת ר׳ שמעון נ״י גליקסמאַן

(געוואוינט אויף זאַוואַדזקאַ 12)

אין עלטער פון 36 יאָהר

וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

## די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

די לוי׳ איז פאָרגעקומען פון צעגעלניאַנאַ 13 (פריהער 49).

---

# שבועה דאורייתא.

מאָנטאג, דעם 24-טען שערפּען, 11 א זייגער פאַרמיטאָג וועט שווערען אין דער ווילקער שוהל דער זאַקען-פאַבריקאַנט פון פּאָמאַרסקאַ 4 און פאַבריק-אייגענטימער פון גדאַנסקאַ 133

**ר׳ דוד גרינבערג** מיט זיין זוהן **ישעיה**

לויט א פּסק-דין, וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען דורך הרב ר׳ יוסף פיינער און אויך אונטערגעשריבען דורך זיין בורר ר׳ נח לעווין און ר׳ מאיר שאַליט צוליב א סכסוך מיט ה׳ י. ליכטענשטיין, לאָדז.

אַלע פאַבריקאַנטען, סוחרים און קליינהענדלער ווערען געבעטען בייצוואוינען די שבועה.

4554

---

## פאַר מאַגענליידענדע

ראַבאַרבער-וויין, פעפּסין-וויין

אין פּרימאַ קוואַליטעט

צו בעקומען אין דער ווײַנהאַנדלונג פון

**E SZYKIER**

**Północna 1, tel. 107-84**

אויך צו בעקומען אין דער ווײַנהאַנדלונג א. ליזעראָוויטש 11 ליסטאָפּאַד (קאָנסטאַנטינער) 17

---

אחרי מחלה כבדה וממושכה גוע ויאסף אל עמיו ביום שבת ט׳ אלול יקירנו

# נ. ע. מירון (מאיר) מאַרקוס

(אינזשינער) בשנת 23 לימי חייו.

הלוי׳ תהי׳ היום ביום א׳ פ׳ תבא, י׳ אלול בשנת תרצ״א בשעה 12 בצהרים מבית האבל ברחוב צגלנינה 25.

השרויים בצער עמוק

**הוריו, אחיו, גיסיו ומשפחתו.**

